STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 02072

OYSGETRIKNTE OYGN

David Zaretsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד זאריצקי

אויסגעטריקנטע אויגן

◆

פארלאג „בשער" פאריז

W. OSTREICH
Montreal, Que.

W. OSTREGER
Montreal, Que.

פון די ארויסגעוואָרפענע ביכער פון דער
יידישער פאָלקס ביבליאָטעק - וואַנקוווער
נאָוו - 1975 באַקומען 10 סעפּט

וו. אָסטרעגער

א האַרציקן יישר כח די ברידער
יוסף און מישא בירניק אין שטאָק-
האָלם פאַרן דערמעגלעכן אַרויסצו-
געבן די לידער צום זכר פון זייער
פאָטער ר׳ מרדכי יעקב בירניק ז״ל.

ד. זאַריצקי

א באגלייט ווארט

א באנד לידער פון פריינט דוד זאריצקי איז פאר אונז א טאפלטע שמחה. ערשטנס, ער אליין, דוד זאריצקי, איז אונז, בעזרת השם, געבליבן א לעבעדיקער, נאכדעם, ווי ער איז שוין טיף געשווימען און שיעור נישט דערטרונקען געווארן אין מבול פון בלוט, וואס האט זיך אויסגעגאסן אויף מיליאנען יידן, אויף אונזערע נאענטסטע און טייערסטע. ער איז פון די ווינציקע, און אפשר דער איינציקער פון אונזער חבריא, חרדישע דיכטער, וואס האט זיך געראטעוועט, נאכדעם ווי ער איז אדורכגעגאנגען שבעה מדורי גיהנום. ער אליין איז אונז דעריבער טייער און ליב, ער אליין, איז פאר אונז א מקור פון שמחה. און א פשיטא שוין זיינס א ווארט, זיינע מאמרים, זיינע לידער. און ווען זיי דערשיינען אין בוך-פארם, פאר אונז, פאר די, וואס קומען נאך אונז — איז עס אוודאי א טאפלטע שמחה.

אויב איך קען זאגן שמחה וועגן לידער, וואס זענען באמת נישט קיין לידער אין געוויינלעכן זין פון ווארט. לידער — וואס באמת זענען עס פיוערדיקע ריטער, וואס שמייסן דער וועלט דעם ביטערן אמת אין טמאדיקן פנים, דער וועלט, דער כלומרשט פרייער, דעמאקראטישער — וואס נאך היינט — פייניקט זי יידן אין קאצעטן.

די טאפלטע שמחה איז, אז ער,אונזער דוד איז געבליבן צווישן אונז, און זיין ווארט וועט בלייבן צווישן אונז און די וואס נאך אונז — אוי וועקן, מאנען און נישט לאזן פארגעסן, נישט לאזן פארגעסן.

ער איז פון די גאר ווינציקע, וואס ארויס פון די שבעה מדורי גיהנום, אין משך פון יארן געפייניקט אין גוף און געברענט אין דער נשמה — איז ער ארויס א גאנצער, א העכערער, א געלייטערטער. ער קען נישט פאר־געסן און וויל געדענקען.

זיין ווארט, אויב פאעזיע אדער פראזע, איז שטענדיק וואגיק, איז שטענדיק ישורשדיק, טיף, אויסגעהאקט אין אייזן, אויסגעהאמערט אין

שטאָל, אַדורכגעליטערט אין פייער פון יסורים, און עס מאָנט, און עס רופט צו מעשים, צו תשובה, צו אהבת ישראל, צום נישט געגאַרן יענעם און זיך אַליין. דער עיקר: עס לאָזט נישט פאַרגעסן, עס רופט צום געדענקען.

ער רופט צו נקמה, דוד זאַריצקי. ער איז פול האַס, ער איז מיואש. ער האַלט, אַז ער אַליין איז שוין נישט מער ווי אַ „פליישענע מצבה", וואָס אירע אויגן זאָגן אַלעמען: „פּה נטמן..." ער האַלט, ער האָט זיין האַרץ שוין „אַריינגעוואָרפן אינעם גרויסן ברודער־קבר — זאָל עס פוילן דאָרט צוזאַמען מיט מיין פאָלק, און אויף זיין אָרט אַריינגעלייגט אַ קולאַק: — אויס, נישט קיין צער, נישט קיין פרייד, נאָר פּוסט איז מיינע הייד — און נישט קיין ווייטיק, נישט קיין כעס — נאָר האַס..."

אמת, ווייל ווערטער פון אַן אמתדיקן דיכטער זענען אמת. און נאָך דערצו פון איינעם, וואָס איז נישט פון די סתם־קלאָגערס — נאָר באַוויינט אמתדיק זיין פאָלק, זיין טאַטע־מאַמע, ברודער און שוועסטער — זיין פאָלקס אומשולדיקע, ריינע קינדערלעך; איינעם וואָס ווייטיקט, ווייטיקט טיף און שרייט געוואַלד פון אמתדיקע יסורים און שטראָפט, ווי אַן איי־גענער די וואָס טוען גאָרנישט פאַר די לעצט־געבליבענע אָדער טומלען און גנאַרן זיך און יענעם.

אמת. און כאָטש ער וויל אוועקוואַרפן שוין דעם טינטער און די פען און פאַרמאַכן זיין לעצט בלעטל — איז ער אָבער דאָך, טיף אין זיך, אין שורש, אַ תורהדיקער ייד. ער מוז גלויבן, ער גלויבט. ער גלויבט אין דער לעצטער, אמתדיקער גאולה, אין משיח. און וואונדערלעך, ווי ער בעט צו ג־ט:

„ער איז שוין דאָ (משיח), דאָס ווייס איך,
„נאָר איז שוין דאָ דער מענטש, דער גרויסער,
„וואָס זאָל אים עפענען די טיר?
„נעם נישט צו די לעצטע האָפענונג ביי מיר
„און זאָג די לעצטע קינדער דיינע: יאַ!!!"

און דעריבער לעבט ער, דער זון פון אייביקן פאָלק, און דעריבער וועט ער לעבן און דעריבער קען ער אַזוי זיך אַ זאָג טון:

„זיץ איך אַזוי אין אַ פאַרנאַכט
און איך טראַכט:
איז דאָך אַלץ מיר פאַרבליבן.

פולע הענט מיט טאָג און פולע קעשענעס מיט נאַכט
און נאַכטיק פּראַכט
און זונען-שיין
איז מיין
און זיבן טעג אין וואָך
און נאָך, און נאָך, און נאָך . . ."

ער לעבט, דוד זאַריצקי. ער קען נישט פאַרגעסן און וויל געדענקען. אָבער ער לעבט, מיט אַלע לעצט-געבליבענע, דער שארית-הפליטה, צו להכעיס אַלע אונזערע שונאים.

ער לעבט און גלויבט און וועט אונז געבן נאָך און נאָך.

בנימין מינץ

אריינפיר

א.

— פריער קומט דער אומעט.

עס פארזייט אים הער שארך פון פאלנדיקע בלעטער, פארחלש'טע הענט פון צאנקנדיקן טאג טראגן זיינע קערנדלעך און ווארפן ווי זאמד אין אומע-טיקע אויגן אריין.

א צופעליקער בליק פון אן איינזאמען מענטשן אויף א ראג, אן איינ-זאמער טאג, וואס שפייט אוים די לונגען אויף בלאטיקער ערד.

— ס'איז ק..א..לט.., וואיעט אוים דער אומעט, פון דער אלטער צייטונגב פארקוויפערן, ביינאכט ביים מעטרא.

אפגעדראפעטע מויערן, מיט צעלעכערטע קעפ און טובערקולאזע קער-פערם מיט מרה-שחורהדיקע פנימער און דראענדיקע אויגן, ברוקירן מיט שטי-קער אומעט די גאס.

א פאטש פון א רייכן שוי־פענסטער איבער דיין ארעמען פנים, מיין פריינט.

און אמאל, קומט עס סתם אזוי. דו זיצט ביים טיש, אדער ביים פענצטער און טראכסט : איך בין דא צי ניט

קומט ער אריין ניט אנקלאפנדיק און זאגט :

— דו, ביזט ניטא.

ער ברענגט אריין מיט זיך, דאס געוויין פון הונגעריקן קינד, דעם שטו-מען צער פון ניט־דערפילטע פארלאנגען, דאס בענקען נאך דעם, וואס עס וועט קיינמאל ניט זיין . . .

— ווי זעט ער אוים ?

ער האט אן אויסגעדרייטע, שפיציקע קאפ, דער פליך גלאנצט, ווי אן אויסגעלעקטער טעלער. זיינע אויגן, מיט אראפגעלאזטע רויטלעכע ברעמען, קוקן

ניט גלייך אין די אויגן אריין, ווייל ער קען פארסמ'ען מיט זיין בליק, דער נאז איז שטענדיק פארקאטערט און ער ווישט אים, מיט דעם גלאנציקן ארבל פון קאפטאן, דער שטייפער, שוין־לאנג ניט געוואשענער קראגן, רייבט אים דאס האלדז. ער וויל שטענדיק עפעס זאגן, נאר עס פעלן אים אוים ווערטער. עס טרעפט, אז ער האט פולע טאשן מיט געלט, נאר זיי פאלן איינציקווייז ארוים דורך די צעלעכערטע קעשענעס.

— ער קומט אריין אן א גוט־מארגן, און גייט אוועק אן א גוטן־טאג...

— ער שעמט זיך . . .

מאנכע מענטשן וויינען, נאר דו, מיין פריינט, וואלסט ניט וויינען. טרערן, דאס איז דער וואכעדיקסטער אויסדרוק פון אומעט. זיי באפרוכפערן ניט דער נאגעדיקער נשמה.

אמת'ע טרערן, האט אן איינזאמע ווערבע אויפן וועג, א פארלאזטע היים, א צעטראטענער קבר פון א מת־מצוה.

דאס זענען טרערן אינערלעכע, זיי טריפן איינציקווייז אויפן נשמה'דיקן אומעט.

און ווען דו, מיין פריינט, וועסט באקומען חעם שליסל צו די טרערן, וועט יעדער טרער זיין א ווארט.

— א טריף, א פאסיקל, א טריף — א פינטעלע . . .

— און אזוי באקומט זיך א ליד — — —

ב.

פרייד, וואלגערט זיך אויף די גאסן, ווי דער לעבן אליין.

זי ווערט צעטראטן פון מענטשן, צעפליקט דורך מאשינען. איר געשריי, ווערט פארהילכט דורך טויזנטער פאבריקס־סירענעס, זי ווערט דערשטיקט אין געדראנג נאך גליק, מיליאנען גייען פארביי און שארן עס־אוועק מיט די אייגענע פיס אין רינשטאק אריין.

— א שמייכל, א צופעליקער בליק פון קינדישן, ריינעם אויג.

א צווייג, איבערגעבויגן איבער דיין באנק אין פארק, וואס גלעט דיין פנים, א קוש פון יונגן פרימארגן אין דיינע שלאפנדיקע אויגן.

און אמאל, קומט די פרייד סתם אזוי. דו זיצט מיין פריינט, ביים טיש אדער ביים פענצטער און טראכסט : איך בין דא, צי ניט ?

פראַלט זיך אויף די טיר און זי שטופּט זיך אַריין אין קלייד פון צעפלאַמטן פרימאָרגן, לאַכט אין פּנים אַריין און זינגט, דיין כאַמע באַליבסטן ניגון:

— דו ביזט דאָ.

— דו וועסט שטענדיק זיין.

ווערט פול דער צימער מיטן ריח פון צעבליטן בעז, דער פענצטער איז אָנגעשטאָפּט מיט נאַכטיקן סאַמעט, אויף די קעגנאיבערדיקע דעכער, קויקלט זיך די לבנה אין חנאה'דיק געלעכטער.

— ווי זעט אויס, פרייד?

מיין פריינט, דו האָסט דעם לעבן אויך ניט געזען, טאָ ווי קענסטו זען פרייד? די פרייד, ווי דער לעבן, האָט ניט קיין אויסזען, דו פילסט נאָר, אַז ער איז דאָ אין דיר, אַרום דיר, אין יעדן פולס פון דיין בלוט, אין דיין — יעדן בליק, יעדער פיצל פון דיין נשמה איז פול מיט איר, ווי די ערד איז פול מיט פריידיקן געפירט, ווי דער לעבן איז פול מיט האָפענונג און ווי די האָפענונג איז פול מיט פרייד . . .

איר אָטעם איז הייס און צעטומלט, ווי דער אָטעם פון פולסירנדיקן לעבן.

עס טרעפט זייער אָפט, אַז אירע טאַשן זענען פוסטע. און ווען זי האָט אַמאָל יאָ, גנב'ענען ביי איר אַרויס די קאַלטע, קלוגע, אויסגערעכנטע מענטשן.

פריידיקע טרערן זענען הייסערע, ווייל אין זיי טליעט דער פייער פון אַלדאָס לעבעדיקע, נאָר וויפיל פרייד קען דען האָבן א פינטל וואַסער פון א קליינער מענטשלעכער אויג! מאַנכע מענטשן וויינען פון פרייד, נאָר דו, מיין פריינט, זאָלסט ניט וויינען. טרערן, דאָס איז דער וואָכעדיקסטער אויסדרוק פון פרייד. זיי באַפרוכפערן ניט דער צוהעלטער נשמה.

אמת'ע טרערן, פון פרייד האָט, צעבליטער בעז, כוואַליענדיקע, בייביקע פליינען, צעכראַשטשעטער ברייט פון יונגן פרילינג.

דאָס זענען טרערן אינערלעכע, זיי טריפן איינציקווייז אויף נשמה'דיקער פרייד און באַפרוכפערן זי.

ווען דו, מיין פריינט, וועסט באַקומען דעם שליסל צו די דאָזיקע טרערן, וועט יעדער טרער זיין א וואָרט.

— א טריף — א פּאַסיקל, א טריף — א פינטעלע.

— און אַזוי באַקומט זיך א ליד.

א ליד או א נאמען

מיין ג־ט, באשעפער פון מיין אומגליק,
אין אומגליק מיינעם ב׳זע ווי גרויס דו ביזט אליין,
ער איז ווי דו אָן סופיק, ער איז ווי דו ניט גרייפבאר,
עס קען אין זיין מחיצה ניט געפינען זיך קיין מענטש.

און איך בין שוין ניטאָ ־ ניטאָ שוין ד. זאַריצקי,
טאָ ווער־זשע גייט אַרום? א פלייש׳ענע מצבה!
מיט אויגן־שווארצע אותיות, טיף אריינגעקריצטע —
זאָגן אַלעמען: פה נטמן...

א

פאַרמאַך האָס לעצטע בלעטל דיינע — דיכטער,
ווארף אוועק דעם טינטער מיט דער פען —
דו האָסט שוין ניט צו מאָלן קיין געזיכטער
און ס׳וועט פאַר דיר שוין גאָרניט ניט געשען.

די ערד איז ווייס, די ערד איז גרין — א חלוק —
ס׳איז בלעטערפאַל, א זאוויערוכע, וויסער מאַי,
האָס בלוט פון די, וואָס זענען שוין פאַרטיליקט,
וועט אייביק בלייבן רויט דאָך, סיי ווי סיי,

מיט הימלען רעדסטו, פאַרשטייסט די שפּראַך פון שטיינער —
טאָ, דערצייל זשע, וואָס האָסטו געזאָגט,
בעת מען האָט געבראָכן אייניציקוויין די ביינער
פון אַלע ליבסטע, וואָס דו האָסט ווען פאַרמאָגט?

ניטאָ קיין ווערטער? און דו ביזט נאָך א דיכטער?
...די מאַמע כאַרכלט אוים דיין נאָמען פאַרן טויט,
עם ווילדעוועז איבער דיין שוועסטער צעיושעטע געזיכטער
און פאַר דיין ברודער שטייט א תליה אויפגעבויט . . .

א היים האָסטו געהאַט, איז זי, ווי סדום ועמורה,
געוואָרן איבערדרייט אין גיהינומדיקן פלאַם —
און ס׳האָט פאַרפלייצט דעם אָרט ניט ווי אין דער תורה
— דער ים המלח, נאָר דער ים הדם...

און גראָזן כוואַליען זיך, און בוימער צווייטן,
און וויהער קומט דער מאַי, וויסער מאַי —
נאָר די לעבנס, וואָס זענען שוין פאַרשניטן
פוילן אין דער ערד דאָך סיי ווי סיי...

ב

קיין קבר-אבות זוכט מער ניט, ברידער, מײַנע אייניציקע,
אײַערע עלטערן און שוועסטער, אײַער פרוי און אײַער קינד,
אײַערע ברידער צעגערטוויזנטער ליגן ברייט צעשפּרייטע,
אין יעדן ווינקל פון איראָפּע, וווּ עס יאָגט אַ נאָר דער ווינט.

ווו עס שפּראָצט איונגע גרעזל, ווו עס וואַקסט אַ פרישער בלימל,
ווו אַ געלער בערגל האָרבט אַרויסעט פונעם גרין,
ווו עס קען אַ פוס דערגיין און אַן אויג קען נאָר דערגרייכן —
ליגן דײַנע עלטערן, שוועסטער, ברידער, זין...

לייגט נאָר צו די אויערן, ס'קלאַפּן אפשר הערצער נאָך,
מ'האָט באַגראָבן אַלעמען זיי לעבעדיקערהייט —
הערט זיך אין דער שטילקייט איין, צווישן גראָזן כוואַליענדיק,
קוויקלט זיך ניט יאָמערדיק זייער לעצט געשריי?

— ווו איר זענט צעשפּרייט, פון אומעטום;
פון סאַן-פראַנציסקאָ, דע זשאַניירא, יאָקאָהאַמאַ,
וועט אײַך נאָכיאָגן דער אימהדיקער ברום,
דער לעצטער — פון אײַער טאַטע-מאַמע.

קיינמאָל ט'איר ניט ווײַסן, וואָס דאָס איז,
צי ס'רױשט דער וואַלד, צי ס'וואָיעט ווינט און קומען,
צי ס'איז האָס צאַפּלען פון קינד דײַנס אויפן שפּיז...

— — — — — — — — — — — — — —

דער טויט אין דיר פּאַרזײַט האָט זײַנע זוימען...

קיינמאָל ט'איר ניט שלאָפן און ניט עסן,
מער וועט איר ניט ליב האָבן אײַער פרוי און קינד —

דעם כאָרבל פון מיליאָנען וועט איר קיינמאָל ניט פאַרגעסן,
ווי ג-ט וועט ניט פאַרגעסן זיי די זינד...
שטעלט ארויף טיאַן־שיאַן אויף די הימאַלאַיען,
זאָל דערגיין צו הימלען די גיגאַנט־מצבה —
און זאָל זי אייביק צו די הימלען שרייען:
— „ס'ליגט אַ גאַנצער פאָלק אָט דאָ אין קבר...“

ג

כ'האָב מיין האַרץ אַריינגעוואָרפֿן
אינעם גרויסן ברודער-קבר —
— זאָל עס פֿוילן דאָרט
צוזאַמען מיט מיין פֿאָלק;
און אויף זיין אָרט אַריינגעלייגט אַ קולאַק:
— אוים.
ניטאָ קיין צער, ניטאָ קיין פֿרייד,
נאָר פּוסט,
נאָר פּוסט איז מיינע רייד —
און ניט קיין וויטיק, ניט קיין כּעס
— נאָר האַס...

ד

— נאַכט, אַ שוואַרצע חופּה, מחותּנים שרים לויפֿן אום:
מ'מאַכט חתונה די וועלט מיטן טויט!
— שפּילט מוזיק: דער באַס — אַ כאָרכל פֿון געקוילעטע,
אַ פֿידל — אַ דינער יאָמער פֿון אַן עופֿהלע,
אַ סאָלאָ, גייט דער פּלייט:
— אַ וואַי פֿון איינעם, וואָס מ'שינדט די הויט . . .

ס'לייענט טשמדי די כתובה, קעשריבן מיט בלוט
אויף וואַרעמער, ווייסינקער, קינדערישער הויט:
„אין יאָר פֿינף טויזנט זיבן הונדערט צוויי,
און כ'וועל שפּייזן איר ערלעך און כ'וועל שפּייזן איר גוט
מיט טויט, מיט טויט...“

— — — — — — — — — — — — —

נאַכט, אַ שוואַרצע חופּה איבער זיי...

און וועלט האָט ווי אַ צנועה, פֿאַרשפּיליעט ביזן האַלז די קנעפּלעך,
דער נאַכט אַרומגעוויקלט אויפֿן קאָפּ און איז אַוועק —
און כ'האָט דער טויט געשפּרייט אונטער די פֿיס אירע — בלומען:
— מיט בלוט באַשמירטע, קינדערישע קעפּלעך,
אויגן אויסגעפּליקטע — פֿולע זעק,
די וועלט וועט צוריק שוין קיינמאָל מערניט קומען...

איז געבליבן נאָר די אַלטע בתולה, די לבנה
ווי אַ שטיקל וואַטע פֿאַרשטאָפּט אַ וווּנד אין הימל —
זיבן הונדערט צוויי און דריי און פֿיר,
זאָגט זי נאָכאַנאַנד וידוי מיט כּונה —
און שרייט צום הימל:
— פֿאַרוואָס האָט טויט ניט צוגענומען מיר?

קום, יתומה אָרעמע, לאָמיר גיין צוזאַמען,
מיר האָט טויט אדורכגעלאָזן צווישן זיינע פינגער —
דו האָסט אומעטום און אַלץ, און אַלץ געזען,
וויי־זשע מיר דאָס קבר פון טאַטן און פון מאַמען —
און איך וועל מיט זיי ריידן (כאָטש מ׳האָט זיי אויסגעפּליקט די צינגער),
— זיי וועלן מיר אַליין דערציילן ווי דאָס איז געשען.

מיין מאַמע קענסטו? כ׳האָב אַ קליינעם פּונק פון איר נשמה,
זי האָט איר מער אפילו אָפּגעגעבן צווייטע —
זי האָט פאַר זיך אַליין קיין שמייכל ניט פאַרגונען.
כ׳וויל איר זען און זי איז שוין ניטאָ מער.
כ׳וויל אירהאָבן, נאָר זי איז שוין אַ טויטע,
קום און העלף איר קבר מיר געפינען.

פיר מיר צו לבנה — צום קבר פון מיין טאַטן,
כ׳וועל אַ קוק טאָן אין די קנייטשן פון זיין פּנים,
דאָרטן ליגט פאַר מיר זיין ליבע נאָך באַהאַלטן.
כ׳ווייס, ווען עם האָבן דייטשע סאָלדאַטן
געטראָטן מיט די שטיוול אויף זיין פּנים,
האָט ער געוויס געקוקט אויף מיין געשטאַלט...

ה

פיר, —
ווי עס פירט א הונט א בלינדן בעטלער,
ווי עס פירט דער תליון א פארמשפט'ן צום טויט,
לאָמיר זיך אוועקשטעלן ביי וועלטיש טיר

און בעטלען :
מערדער,
שענקט א שטיקל אפגעשונדן הויט

פון נײן אונאונאײנציק קינד
שענקט א בליק פון מײן טאָכטער
וואָס האָט נאָך קײנמאָל ניט געטאָן קײן זינד,
פון מײן ווײב —
וועמען אירט געשוחט'ן
— א שטיקל לײב,
פון מײן זון, די לעצטע טרער
— גיט אהער.
— שענקט —
דעם לעצטן בליק פון דער,
נאָך וועמען כ'האָב געבענקט :
— מערדער ! ! !
— פיר !
ווי ס'פירט דער תליון א פארמשפט'ן צום טויט
און מ'ערפילט אים אלינקע פארלאנגען :
— גיט מיר
דעם גרויליקן געשריי
בעת מען האָט דעם צונג געפליקט מיט צוואנגען !

ווען טאַנקען האָבן געפּליקט אויף צוויי,
ווען אין אויפגעטרענטע בייכער,
האָט מען אַריינגעשטאָפּט אַ ברויט...
— פיר!..
ווי ס'האָט געפירט ג-טס ווינט דעם נביא אליי!
— איך ווייס —
— עס איז אינערגעץ שוין ניטאָ קיין אָרט פאַר מיר,
און אַפרוען איז זיך ניטאָ וווּ.
און וווּ עס גיט אַ פאַל דער בליק איז טויט!
און וווּ עס קען אַ פוס זיך שטעלן איז טבֿאַ.
און ס'איז ניטאָ מער,
אויף דער וועלט קיין אָרט פאַר מיר!!!
— פיר!
ווי ס'האָט געפירט ג-טס ווינט דעם נביא אליי...

ו

א מענטש איז דאָ, האָט וואַיענדיק דער הונט דערציילט
די שטערן-ליכט דער גוסס'דיקער וועלט צוקאָפּנס.
זיי, האָבן עס גלייך אַ מחנה קראָען מיטגעטיילט,
וואָס האָבן זיך פון אַלע עקן וועלט צונויפגעלאָפן.
אַ שומר ביי דער שטאָט, א סלופּ א וויסער —
האָט אַרויסגעשטעקט די קורצע הענט פאָרויס און האָט געוויזן:
איך היט דעם שטומען בליק פון צושרפה'טע קוימענס,
דעם געשטאַנק פון טויזנטער צופוילטע מתים,
נאָך וואָס איז ער — דער שאָרבן — דאָ אהער געקומען
און ניט געבליבן אין לאַנד פון די קירגיזן?

פון קרושים צענערטויזנטער היט איך דעם געשריי,
ער ליגט אויף יעדן שטיין, ער שאַרבט אַרויס פון בלעטער;
צו וואָס איז ער געקומען, צו פוילן גלייך מיט זיי?
אז קיין לעבן אי זניטאָ און נאָר מיט מתים רעדט ער,
אַט איז זי מיין שטאָט, אַ שטאָט פון פופציק טויזנט,
פאַרהאַוועטע, פאַריאָגטע, צושריגענע און שטילע,
מיט שמייכלען פולע גאַסן און בליקן פולע הויפן,
מיט אימפּעטפולן לעבן צעהעלטן און צעברויזטן,
מיט זעקהאונדרייסיק שולן אַ יידישע קהלה —
— קיין לעבעדיקער ייד האָט ניט געקענט אַנטלויפן!..

שוין לאַנגע יאָרן ווייז איך אַז דעם וועג וואוהין צו פאָרן:
— דאָרטן איז פּאַהאַסט, ס'איז אַלע וואָך יאַרידן,
טרייסלט זיך שאָסיי, פורגאָנען פול מיט קאָרן,
פיש און האָלץ פאַרקויפן יידן...
איך באַגלייט אַרויס צולאַטעטע קאַפּאָטעס

בערד צעשראָקענע און תפילה׳דיקע ליפּן,
ווייס איך: ס׳גייען אויכשווייסן פּרנסה . . .
ס׳גייען יידן אויסשווייסן פּרנסה
וויז איז זיי צו דערפער, דעם וועג צווישן בלאָטעס:
— אין ליעמעשעוויטש, דובראָווקע און הריפּין;
און כ׳בעט מיט זיי, ניט אויף גוט נאָר אויף ניש-קשה...

עס האָט דיין היים געברענט פון אַלינקע פיר זייטן,
דער בית־עולם האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום שטאָט.
דער סאַד האָט שטיל געוויינט, די גאַס געזאָגט האָט וידוי,
אויף פייערדיקן פערד איז טויט געקומען צורייטן —
און האָט צעזונגען זיך דאָס „טויטן ליד״:

„פון מזרח און פון מערב, פון צפון און פון דרום,
פו געדיכטע פינצטערנישן און פון טיפע תהום׳ען!
קומט אהער משרתים, ברענגט שוין גרייטע קברים! ! !
די פריידיקער פון מענטשלעכקייט מיט מענטשלעכקייט צוזאַמען,
אין קבר וועלן ליגן דאָס גוטע און דאָס שיינע,
די פרייהייט און די טרוימער, דער דיכטער מיט זיין ליד . . .
דער זיידע און דער אייניקל, דאָס זויג־קינד מיט דער מאַמע!
זוכט און נישטערט! זוכט און נישטערט! ס׳טאָר קיין איינער
בלייבן לעבן ווער עס טראָגט דעם נאָמען ייד! ! !

ס׳איז קערפער מיינער וווים און די הענט צעשפרייטע...
און שטענדיק שטיי איך און שטענדיק זענען הענט צעשפּרייט:
— איך האָב געוויזן זיי דעם וועג צו קברים שוין צו גרייטע,
איך האָב געוויזן: דאָרט פאַרברענט מען לעבעדיקערהייט,

עס האָט דער שאָפער פאַרנדיק מיט הונדערטער קרבנות
אין דער גאַז-מאַשין — ארויסגעקוקט צו מיר.
און איך — דעמבאָוווער קלאָץ — האָב פרעך דעם וועג געוויזן,

װוּ מ'האָט מיליאָנען, געשאָכטן אָן רחמנות...
װוּ מ'האָט אַ לעבעדיקן אַחײנגעלײגט אויך דיר —
— װען מ'האָט דײן מאַמע גענומען אויפֿן שפּיז ! ! !

***

— ס'האָט חתונה געהאַט די װעלט מיטן טויט.
און האָט אויף מאָרגן גלײך פֿאַרשװאָנגערט
מיט מיליאָנען קברים...

ז

א נידעריקע שטוב מיט אויסגעהאקטע אויגן,
א לאך אין הארץ פון גאס,
העכער מיט אויסגעפליקטע געהירן —
און חורבות — אייטערדיקע געשווירן —
און פולע בערג מיט האס...

עס שאקלט מיטן קאפ אן אלטע ווערבע:
הייזער זיצן שבעה נאך זייער בעל־הבית!
עס האט דער טאג קיין ארט ניט ווו אריינגיין,
ווינט האט ניט קיין קוימען פאר געזאנגען —
און קויקלדיקער יאמער פרעגט: פארוואס?

די שטאט איז אפגעווישט! און אויף איר ארט א שטאט א נייע,
א רואיקע, ווי רואיק ס'איז דער טויט!
און גאסן נייע: די גאס פון די געשענדעטע,
א גאס פון די פארברענטע, א צווייטע פון געקוילעטע —
און גאסן פון געשונדענע די הויט...

***

— ערד און ליים
און אויסגעברענטער גראז!
— מיין היים,
האט ווינט אויף אלע עקן וועלט צעטראגן,
אפשר וועט פארבלוטיקט זון מיר זאגן
ווו כ'זאל גיין?.....

ח

— פינצטער !
ס׳קויקלט זיך אַ דונער,
קברים רופן הימלען צו דין־תורה,
האָבן זיי זיך איינגעהילט אין שוואַרצן,
איינגעקאָרטשעט זיך אין מורא
און קלאַפּן זיך על־חטא אין הארצן !
— קברים,
פלאַצן פון אָנגעדראָלענעם געשריי :
ווי ס׳יאָמערט אָקעאַן, געוואָרפן פון ציקלאָנען,
ווי ס׳וואָיען אין סיבירער סטעפּ בוראַנען ;
געשפּאָרט צום הימל ט׳זיך ס׳געיאָמער פון מיליאָנען —
און איר האָט שטום געקוקט און גאָרניט ניט פאַרשטאַנען !

— שטום !
די טויערן פאַרשלאָסענע . . .
און וואו נאָר אַ שפּאַלט איז ער פאַרהאַמערט,
עס האָט אַ פאָלק מיט אייגן בלוט זיך שטיקענדיק,
אַרויפגעשיקט צו ג־ט זיין יאָמער —
און איר האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק !
און איר,
האָט אָפּטמאָל זון געשיקט —
זי זאָל באַלויכטן די וועג צו תליי,
זיי זאָלן בעסער זען דעם קבר אייגענעם.
מ׳אַ קלאַפּט על־חטא און רייסט זיך קריעה !
ס׳איז דאָ ביי ג־ט פאַר הימלען אויך אַ גיהינום ! ! !

ט

רייסט אַראָפּ, רייסט אַראָפּ
פון דער ערד די קליידער !
גרינע גראָזן, שטילער מאָך,
וועלדער לאַנגע — שוואַרצע האָר,
בייכעדיקע פליינען.
שלעפּט אַראָפּ ! שלעפּט אַראָפּ
די טיכל פון איר קאָפּ,
דעם געדוך פון יונגן מאַי,
דעם געבליט פון סעדער,
שטילע טריט פון זילבער-טייכן,
סודות פון געדיכטע וועלדער,
שטאָטישן גערויש . . .

זאָלן קברים אייטערן,
ווי ביי קרעציקע די וואונדן
און געשריי אידם זאָל דערשטיקן
מיט זיין קולאַק, — וואָלקן — שוואַרץ ! !
זאָל זי ווי אַ שטיק נבילה
ליגן נאַקעט — און איר קערפּער
זאָלן קראָען אויסגעפרעסענע באַשפּייען !
פאַר איר בליק זאָל זון אנטלויפן —
און לבנה זיך באַהאַלטן,
זאָל קיין רעגן איר ניט וואַשן —
און קיין שניי איר ניט באַקליידן,
ס'וועט איר שאַנדע אייביק זיין! . .

זאָל זי ווי אַ שטיק נבילה —
זיין געמיטן — און איר שאַנדע

ווען איך אייביק צושמייסן
מיט מיין וואָרט :
וואָס איז פול מיט צער און ווייטאָק,
וואָס איז אָנגעפילט מיט שנאה,
וואָס איז אויסגעווייקט מיט טרערן
און מיט אומענדלעכן האַס . . .
ווי עס שמייסט אַ בייזער האָגל
איבער ציטערנדיקע זאַנגען,
ווי עס שמייסט אַ ווינט אַ ווילדער
יונגע קושאַקעס אינם סטעפּ . . .

ו

ס'שײַנט אויף אַ נײַער טאָג, עס זעט זיך שוין פֿון זון די ערשטע שטראַלן —
און פֿרישע גראָזן כוואַליען זיך און ווידער פֿרוכפּערן די פֿליגן —
און נאָך אַ שטיקל צײַט וועלן ווערן אָפּגעווישט די טריט פֿון די וואַנדאַלן —
און קינדער וועלן מײַנע שורות ווי היסטאָריע לייענען . . .

שטעט וועלן צוריק צוּוואַקסן, ס'וועלן אפשר מענטשן זינגען אויך אַמאָל
און אפשר וועט מען לאַכן ! ? און מיליאָנען קברים וועט פֿאַרוואַקסן גראָז ;
נאָר ווי לאַנג עס וועט אויף וועלט נאָך הילכן מענשנס קול,
וועט אייביק הענגען אינדערלופֿט דער גרויזאַמער : פֿאַרוואָס ?

איך שטיי אין דעמערונג פֿון טאָג, ביים לעבן מײַן צופּוסנס,
אָט דאָ האָט ער זיך אָנגעהויבן און דאָ ט'ער זיך געענדיקט אַזוי גיך !
און אַלע טרערן אויסגעוויינט און אָפּגעגעבן אַלע קושן —
און כ'וויל שוין גאָרניט, כ'דאַרף שוין קיינעם, נאָר אַ וואָרט דאַרף איך :

פֿון ליפּן פֿון צוקרימטע, פֿון בלוי — אַרויסגעשטרעקטע צינגער,
פֿון אויגן אויסגעריסענע, געוואָרפֿענע פֿאַר קראָען,
פֿון אויסגעפּליקטע אבֿרים, אַ וואָרט פֿון אָפּגעהאַקטע פֿינגער,
אַ איינאונאיינציק וואָרט פֿון אומגליקלעכן, מאַמישן שגעון :

— פֿאַרוואָס?! זאָגט זשע מיר פֿאַרוואָס? געשענדעטע, געפּייניקטע מיליאָנען.
— פֿאַרוואָס ? פֿנימער צוקרימטע, אייַנציקווייז אויסגעפּליקטע פֿינגער,
מ'האָט דעם לעצטן וואָרט אייך איבערהאַקט, וועל איך פֿאַר אייך מאָנען —
און איך וועל פֿרעגן פֿאַר אייערע אויסגעפּליקטע צינגער :

— טויט איז אונז ניט פֿרעמד, אין אַלע דורות איז ער אונז נאָכגעגאַנגען,
אַ ייִד האָט פֿאַרן טויט קיין מורא ניט, ער ציטערט פֿאַרן לעבן . . .
נאָר אַלע מאָל האָט טויט צו אונז געהאַט פֿאַרלאַנגען,
ער האָט אַמאָל געפֿאָדערט געלט, אַמאָל דעם גלויבן,

אמאָל האָט ער געװושעט נאָך אונזער טאָכטער לײב ;
ער האָט געטױט נאָר בלויז כדי צו רויבן
ער האָט געשענדעט, ווייל ער האָט געוואָלט אַ ווייב !
איך פרעג אייך עלטערן צוריקגענע דורך טאַנק,

ווייב מיינע געשענדעטע, קינד מיינע געפּלעטע אויף אַ שטיין :
— זאָג דע בזין פון טויט דייַנעם ! פאַרשטייסט פון די יסורים דעם געדאַנק ?
איך ווייס, דאָס פאַרן הענגען, צו ווען מ'האָט געפירט דיר שיסן,
ווען קאָפּ איז שוין געווען אין פּעטליע, און הארץ אייערם געוואָרט האָט
אויף דער קויל,

האָט איר געשעפּמשעט מיט כונה דעבוידוי פון רבינו נסים,
דעם לעצטן מאָל געלייענט קריאת־שמע, נאָר ניט ארויסגעבראַכט פון מויל
קיין קללה, די שרעקליכסטע וואָס וואָלט געקומען אויפן זינען . . .
איר זענט ביים ראַנד פון גרוב געשטאַנען און קיינעם ניט באַשפּיגן . . .

און אויבן האָבן וואָלקנס ווייסע געשטיפּט איבערן רוים —
און זון האָט נייגעריק געקוקט אין גרוב אַוו דו וועסט דאָרט ליגן —
און רואיק איז געשטאַנען גראָז, און תמ'עוואַטע האָט געקוקט דער בוים !
ווען שפּיז האָט זיך געדרוקט טאַין פלייש, ווען פּעטליע האָט די האלדז פאַרצויגן,

ווען דיין אויער האָט דערהערט דעם לעצטן כאָרבל פון דיין קינד —
— האָט איר קיינעם ניט פאַרשאָלטן נאָר געהויבן אינדערהויך די אויגן
און געבעטן אַז כביכול זאָל פאַרגעבן אַ יי ך די זינד ! ! . . .

***

עס קומען נייע טעג, מענשן יועלן שטאַרבן און געבוירן ווערן ;
נאָר דער לעצטער וואָרט פון גוסס, דער ערשט געשריי פון ניי געבוירן קינד
וועט זיין נקמה — און יעדער פון אונזער פאָלק וועט שווערן
צו האַסן דייטשלאַנד און קיינמאָל ניט פאַרגעסן איר די זינד !

עס קומען נייע טעג, מענטשן וועלן געבוירן ווערן און שטאַרבן ;
נאָר די טויטע וועלן מיטנעמען אין קבר זייער צאָרן . . .
און אַ אַלטער ביין, פון הונדערט יאָר אין דער ערד פאַרפוילטער שאַרבן,
וועט דעם האַס איבערגעבן די קומענדיקע יאָרן . . .

דו וועסט פארגעסן?

די זון וועט נאך מיליאנען יארן אויפגיין און פארגיין,
א זאמד, וועט זיך פאמעליך קלעפן צו א זעמדל
וועט אויסוואקסן א ריזיק שטיין. — און מענטשן וועלן
לעבן אייביק — און אפשר וועלן אלע איינציקווייז אויסשטארבן
אנגעטאן אין גאלד, צו אין א צוריסן העמדל ! . . .
און נאכן לעצטן מענש, וועט ווינט א זאמדיקע מצבה שטעלן ;
נאר מענשליך בלוט וועט קיינמאל ניט בייטן זיינע פארבן ;
נאר מענשליך בלוט וועט קיינמאל ניט צומישן זיך מיט ערד,
אין טויזנט יאר ארום, ווען אין דיין האנט וועט זיין א שווערד,
זאלסטו געדענקען: דאס קעפל פון דיין קינד האט מען צעשפאלטן אויף א שטיין !
דו וועסט פארגעסן ?
— ניין ! ! !

ס׳וועט שוין אויף דער וועלט ניט זיין מער קיין געוויין,
א לייב וועט רוען מיט א שאף, א בער ט׳מיט ציגן שלאפן,
קעץ וועלן זיך ווארימען מיט מייזלעך אויף דער זון . . .
שלאנגען וועלן הענגען פאר שטאבעס אויף די טירן . . .
מענשן וועלן שרעקן זיך פון קוקן בלויז אויף וואפן !
מלחמות ? מ׳וועט אינגאנצן פארגעסן פונדערפון ,
— דו זאלסט קיין איינציק טראפן בלוט פון פאלק דיינעם פארלירן,
קיין איין געשריי זאל ניט פארלוירן ווערן !
איך הייס דיר שווערן, איך הייס דיר הייליק שווערן !
מ׳האט געהייכן לעבעדיקערהייט דיין פאלק אין קבר גיין,
דו וועסט פארגעסן ?
— ניין ! ! !

מינוטן זעכציק, לאנגע, זייער לאנגע האט א שעה,
אין א מינוט קלאפט דער זייגער זעכציק אויס סעקונדן —
און יעדער שעה קען לעבנס טויזנטער געבוירן,
מיליאנען שמייכלען, מ'קען טויזנטער מאל זאגן „איך האב ליב" !
עס קען אין א מינוט פארהיילט ווערן די וואונדן,
צוריק געפינען גליק וואס דו האסט אים פארלוירן ;
א עסקעוואטאר אין א שעה גראבט אויס א ריזיק גרוב,
ספעציעל פאר דיינע ברידער, מ'ווארפט דארט איינעם אויפן צווייטן :
צוריסענע, געשאסענע, דערשטיקטע און פארברענטע,
אין איין מינוט ! דו הערסט ? זאלסט קיינמאל זיי ניט שענקען ! !
— דו וועסט געדענקען ?
— יא ! ! !

עס איז פאר מיר קיין היים שוין מער נישטא —
און ס'וועט ניט זיין שוין קיינמאל, קיינמאל, קיינמאל !
מענטשן וועלן ווידער נייע שטעט פון הימלקראצערס בויען,
ריזיקע פאבריקן, שיפן אויף די ימים וועלן פארן ;
נאר א היים ווי עלטערן, קען מען האבן איינמאל —
און אלע וועלט סירענעס קענען ניט אזוי שטארק וואיען
ווי מיליאנען ברידער דיינע געשטיקט דורך גאז-מאטארן . . .
הויבט אויף די הענט צום הימל וואס האט געזען ווו דו ברענסט,
הויב אויף צום הימל דיינע טרייסלענדיקע, יידישע הענט :
און בעט ; אז ג-ט זאל זיי די טרערן דיינע אייביק געבן טרינקען !
— דו וועסט געדענקען ?
— יא ! ! !

יארן לאנג, ט'אייראפע פרעסן ברויט פון דיין געביין,
דער פויער וועט צופרידן זיין : דאס גראז איז הויך און פעט —
און ביימער וועלן בויגן זיך געלאדענע מיט פרוכטן,
עס שפייזט זיי — ברידער מיינע — דאס פלייש פון אייער קינד,
פון עופה'לע דיין, מוטער וואס האט נאך ניט געערדט —
און חוצ'ן צאפל פונם טויט האט עס קיין לעבן ניט פארזוכט,

דעם אש פון דיינע עלטערן האָט אומעטום צוטראָגן ווינט.
און מענטשן וועלן טרינקען ווייַן און מענטשן וועלן עסן ברויט,
פאַרזייט, געוואקסן און געשניטן דורךן טויט ! !
דיינע טויטע ברידער וועט אייראָפּע לאַנגע יאָרן פֿרעסן . . .
דו וועסט פאַרגעסן ?
ניין ! ! !

מ א מ ע

א

— איך טראָג דיין נאָמען
מאַמע, ווי אַ פרומער ייד
אַ געראַטעוועטע ספר־תורה פון די פלאַמען,
ווי אַ יונגער דיכטער זיין ערשטע ליד,
ווי אַ הונגעריקער, דאָס לעצטע שטיקל ברויט,
ווי אַ פארמשפּטער האָט לעצטע שטיקל לעבן פאַרן טויט!
איך טראָג דיין נאָמען —
— ווי דו האָסט מיר געטראָגן קינדווייז אויף די הענט,
איך זאָג דיר גאָרניט ווי דו פלעגסט גאָרניט זאָגן:
נאָר קוקן אין די אויגן און זאָגן שטיל:
— מיין קינד! . . .
איך וויל דיר זאָגן זייער, זייער פיל
און זאָג בלויז:
— מאַמע!!!
— דו ווייסט אליין מסתמא,
אַז יעדער שטילער קהעבץ ביזט —
און יעדער קלאַפּ פון האַרץ איז: מאַמע!
און אומעטום:
אין שווארצן שטיקל ברויט,
וואָס יעדער ביסן זיין איז פול מיט הונגער,
אין בליק פון ווייסע בערג,
אין אומעטיקן ווי פון שטאַרבנדיקן זומער,
אין יעדער שאָרך פון פאַלנדיקע בלעטער,
אין יעדער פיצעלע פון טאָג באַזונדער
און פון דער נאַכט —
— ביזטו

ב

וואָלט איך וועלן לידער פאַר דיר זינגען ;
נאָר פונגוואַנען זאָל איך נעמען לידער
אַז דו האָסט קיינמאָל מיר זיי ניט געזונגען !
ס'האָט דער הונגער מיר פאַרוויגט,
דער ווינט אין קוימען
און דיין געוויין — — —
האָסטו טרערן איינגעזייט אין מיר
איז אויסגעוואַקסן צער ;
— נאָר דערפאַר,
האָט דער לעבן אומעטיקע מעשיות מיר דערציילט :
— אַ שטיין אַ יתום,
אַ אומעטיקע בוים אַ זקנה,
שרעקעוודיקע גראָזן, וואַלדיקער גערויש,
צוקנייטשטער אַסיענדיקער הימל,
טריט פון מענשן ,
— בליקן . . .

ג

... די לעצטע נאכט האסטו געוויינט, איך זע נאך דיינע אויגן:
שמאלע, שווארצע, גלאנציקע ווי סאמעט:
"מיין קינד, ערשט נעכטן האב איך דער געזוויגן
און דו האסט קוים, נאר קוים ארויסגעשטאמלט" — „מאמע"

און איצט האב איך שוין ווייסע האר —
און דו האסט שוין קיין האר ניט —
און דו ווילסט ווידער פארן? — פאר!
וואס קען איך דיר געבן? — גארניט!

מיין ליבע האסטו סיי ווי וואו דו וועסט נאר זיין,
א קוש, דעם לעצטן אפשר, נעם מיט לזכרון...
פון דיר, וועט מיר א אנדענק בלייבן נאך עטלעכע ווייסע האר
און לאנגע, לאנגע, בענקענדיקע יארן!

דו האסט מיר לאנג געקושט און מער שוין ניט געוויינט...
נו... וואס איז וויינען, טרערן בלויז, נאר טרערן...
און איך האב לאנג געקושט דיין קאפ, דיין ווייסן קאפ,
וואס האט פון מיר קיינמאל ניט אויפגעהערט צו קלערן...

— און איך בין אוועק!
נאך מיר איז נאכגעגאנגען אונזער יונגער סאד,
געשטרעקט צו מיר די גרינע הענט זיך זעגענען,
ער האט שטיל געוויינט דערציילנדיק דעם סוד
"מיר ועלן זיך שוין קיינמאל ניט באגעגענען"...
איך בין אוועק...
די פלייצע פון דער נאכט האט בייז געשפרייזט פארוים;
נאך איר, א ברייטער, לבנהדיקער פאס —

און הינטער מיר : דער סאָד, דער טראָטואַר, דאָס הויז,
אומעטיקע פענסטער און בלאָטעס פון דער באָד-גאַכ.
איך בין אַוועק
און הינטער מיר געלאָזן אַלע מיינע יאָר
און אויף זיי פוסטע זעק — — —
— און גאָר . . .

ד

לאנגע קייטן בערג, אויף די בערג איז שניי.
איבער זיי איז וואלקנס, וואס איז הינטער זיי ?
דארטן שטייט מיין מאמע, שטייט און ווארט אויף מיר,
ווי זי פלעגט ווארטן אויף מיר קינדהווייז ביי דער טיר
ווען איך פלעג גיין פון חדר — און זאגן שטיל און צארט :
— מיין קינד, כ'האב אויף דיר שוין לאנג געווארט,
האסט זיך גוט געלערנט ? ס'טוט דיר גארניט וויי ?
— — — — — — — —
ס'שטייט א וואנט פון בערג, מיין מאמע הינטער זיי —
און בלויז א שפעלטעלע. און בלויז א קליינער רוק ;
איך זאל אויף איר א ווילע טאן א קוק
און זי אויף מיר, א רגע'לע, א בליק —
און נאכהעם זאל די וואנט זיך צומאכן צוריק !
וואלט איך געווארן פריש און כ'וואלט געווארן ריין
ווי דאן, ווען כ'בין געווען נאך קליין —
און מאמע פלעגט מיר זאגן שטיל און צארט
„איך האב אויף דיר — מיין קינד — שוין לאנג געווארט . . .

ה

דו הערסט מיר, מאַמע, יאָ, דו הערסט ?
ס'איז ניט אמת אַז ביזט ווייט פון מיר. . . .

איך פיל ווי ס'הויכט דיין אָטעם אויף די שורות.
איך שרייב אַזוי שוין לאַנגע, לאַנגע נעכט,
און שטענדיק זיצטו — מאַמע — ביי מיין זייט,
דו רעדסט צו מיר שטיל, שטיל, ווי ס'רעדט
אַ בלעטל פון אַ בוים צום צווייטן,
ווי שטיל עס רעדט דער וואָלקן מיטן בלוי,
ווי שטיל עס רעדט דער טוי מיט קווייטן,
דו רעדסט צו דיין בן-יחיד אָט אזוי :
— דוד, דו וועסט שוין מער ניט אָפּפאָרן פון מיר
יאָ ? כ'וועל מער דיר שוין ניט לאָזן.
כ'בין געווען מיט דיר צוזאַמען אין סיביר —
און כ'וועל אויף ווייטער אויך דיר ניט פאַרלאָזן ;
ווען דיר וועט עפּעס פעלן, אָדער סתם חלילה
אין אַ אומגליק אויף דיין וועג דעם שווערן,
זאָג נאָר שטיל און האַרציק ווי אַ תפלה
— מאַמע ! וועט דיר גרינגער ווערן . .

א ל י ד

זיץ איך אזוי א פארנאכט —
און איך טראכט:
— אז איך האב גארניט געהאט,
איז דאך אלץ מיר פארבליבן,
פולע הענט מיט טאג

און פולע קעשענעס מיט נאכט
און נאכטיק פראכט
און זונען־שיין —
— איז מיין . . .
און זיבן טעג אין וואך
און נאך און נאך און נאך . . .

זיץ איך אזוי א פארטאג —
— און איך זאג:
— דער בלינדער האט איין פארב
און איך האב א מיליאן!
און ווען דער בלינדער שטארבט
ווערט ער גארניט אן;
און ווען איך דארף גיין צום טויט,
שטארבט דער הימל־בלוי,
צאנקט דאס זונען־רויט
און דער ווייסער שוים
פון צוכוואליעט ים —

און דער זילבער טוי
און דער גרינער מאָך
און נאָך און נאָך און נאָך . ..

קומט צו דער לעבן
און שטעלט זיך ביים טיר.
— דו ביזט דאָ ?
איך בין דאָ !
— כ'בין געקומען צו דיר עפּעס געבן :
— אַ גלעט פון דעם ווינט
און אַ קוש פון דער נאַכט,
זילבער-לבנה האָב איך דיר געבראַכט
— אַ מתנה
און גאָלד פון דער זון
און בריליאַנטן פון שניי
און נאָך און נאָך און נאָך . . .

פאר מיינע קינדער

אויב ג־ט וועט קינדער מיר שענקען —
וועל איך מוזן ביי הימלען זיך באָרגן
אַ ביסעלע פרייד, כדי צו געבן
די קינדער צו טראָפּנס אַ שעה;
אין יאָרן אַרום וועלן קינדער
שוין נייע, שוין פרייע, אָן זאָרגן.
באַצאָלן מיט אייגענער פרייד,
וואָס ביי מיר איז אינגאַנצן ניטאָ . . .

און אַ וואָרט וועל איך לייען אַ גרויסן —
— ביי וועמען ביי מענטשן אַזוינע
וואָס זענען מיט טויט ניט געפלאָכטן,
וואָס זענען ניט פול מיט קיין צאָרן . . .
און צוזאַמען מיט פרייד מיט געבאָרגטער.
וועל איך מיינע קינדער די קליינע,
געליענע האָפענונג געבן —
וואָס איך האָב אויף אייביק פאַרלוירן . . .

צו זון וועל איך גיין און כ'וועל בעטן :
„די קינדערלעך דאַרפן צום לאַכן .
טאָ ליי מיר אַ טראָפּן געלעכטער,
אַ פיצל פון שמייכל פון דיין . . .
אין אַ יאָר אָדער צוויי ווען דער קולאַק
וועט דאָס מויל פון מיין קינד ניט פאַרמאַכן ;
וועט ער דיר פילפאַכיק באַצאָלן
מיט דאָס וואָס איך האָב עס ניט היינט . . .

און צו ג־ט ב׳וועל די הענט מיינע הויבן —
— און בעטן : אַ ג־ט פון אברהמ׳ען,
פון יצחק און יעקב — טו שענקען
די קינדערלעך ליבע אַ טראָפּן ;
ביי זיי ט׳זיך זיכער צעוואַקסן
און אָנפילן זייער נשמה,
זיי וועלן דיר הויפענס באַצאָלן
מיט דאָס וואָס ב׳וועל קיינמאָל ניט האָבן . . .

צו די קלאגערס

א

. . . און ווייל איך האָב געזען:
דו ווערסט דערטרונקען אין די טרערן פון די קלאָגערס,
וואָס באַגראָבן און באַשיטן און באַקדיש'ן דיין אַנדענק נאָכאַנאַנד . . .
זיי טראָגן אויף די פּלייצעס שטענדיק, אַנגעגרייטע זעק מיט טרערן . . .
און אַ פּען, וואָס אַנגעפּילט מיט יידיש בלוט איז — אין דער האַנט!
און שיינע טרערן האָבן זיי, געשליפענע, זיי קענען פּרעכטיק וויינען . . .
עפּנט מען דעם זאַק מיט טרערן, ווערט נאַס די גאַנצע וועלט! . . .
ווערט די פּעדער פּוסט, פּילט מען אָן אויפסניי מיט יידיש בלוט . . .
און יעדער ווייל'ע רייסט מען אויף דעם וואונד, בעת עס פעלט
אַ וואָרט צום גראַם, — מ'מוז אים האָבן ס'איז יעדער וואָרט באַצאָלט!
און ס'גיסט זיך פון די אויגן אין די טאַשן שטיקער גאָלד . . .

ב

זיבן לאנגע יארן, אטעמט אונזער פאלק מיט שטעקנדיקן ווייטאק,
שטייט ער יעצט מיט בלוטיקע, צוווייטאקטע נשמה-שטיקער, לונג !
און מיליאנען ווילדע הענט און צענדליקער מיליאנען גראבע שטעקנס,
האבן טאג און נאכט מיט פרייד געפלעט זיין אלטן קאפ . . .
טא וואס זשע דארף מען, הא? וואס דארף מען, פרעג איך אייך, פארזארגערס!
— אייער מח, אייער יידיש הארץ דארף מען, און ניט דעם קלאנגדיקן צונג,
א מח ער זאל אויסטראכטן א ווארט, וואס מאמע פאר בן־יחיד קען געפינען,
וואס שארט אוועק מיט איינמאל יארן ווייטאק און יאוש פון די פלייצעס
נעמט אראפ.
א מח, וואס איז אנגעפילט מיט הייליקע מחשבות וועגן פאלק — און האט
קיין ארט
פאר וואסערדיקע טרערן פון דער שרייב-מאשין ארויס — וועט האבן
אזא ווארט ! ! !

ג

דער לאַגל איז שוין פול, ניטאָ שוין מער קיין אָרט פאַר טרערן —
קלאָגערם . . .

און אויב עס וועט זיך איבערגיסן, טאָ געדענקט !
שטעלט אונטער אייער טעלערדיקן פליך אונטערן שטראָם . . .
אַ קונץ צו וויינען ? נאַרישע אישאקעס קלאָגן אויכעט יעדן ביידערנאַכט !...
אַ וואָרט דאַרף מען אַזאַ, אַז יעדער זאָל אין אים זיין טרייסט דערהערן,
אַ וואָרט ווי באַלזאַם, וואָס זאָל היילן דעם צוממית׳טן גוף פון אונזער פאָלק,
וויל יעדער שטיקל לייב איז וואונדיק און צאַפּלט אויף

ביים אָנריר פון אַ גראָבער האַנט,
אַ האַרץ וואָס וואָלט — צוטרעטנדיק איר אייגן וויטאָק — אַ שטראַל
פון פרייד די ברידער אירע אויפגעבראַכט
כאָטש איינאונאיינציק שמייכל אַרויסרופן פון שטומען, אָנציינערדיקן מויל,
אַ שטילן בליק, אַ דאַנקבאַרן, אויף איין מינוט זאָל פאָלק פאַרגעסן
פון זיין גרויל

ד

ג-ט מיינער ! ג-ט פון מיינע עלטערן,
איך בעט ביי דיר, ווי ס'בעט א ווארים
וואס בעט אונטער א בלעטל אויך זיין הויז — — —
ווי ס'בעטן יונגע קברים,
וואס טויט האט נאך ניט אויפגעפרעסן זייער געביין :
— כ'האב מיינע ווערטער אויסגעשריגן אין וידוים
און מיינע טרערן, — זיי האב איך
אויף טויזנט יאר פארויס שוין אויסגעוויינט . . .
איך קום צו דיר, מיט גאנצע עשאלאנען פול עינוים ;
שטומע, — ווי שטום עס איז געווען דער רויך
וואס האט א דריטל פאלק דיינעם צו דיר ארויפגעבראכט — — — —
— ג־ט מיינער !
נעם צו דעם ארימען געשאנק,
פון א דיכטער, וואס קען קיין ווערטער נישט געפינען
פאר א פרייליכן געזאנג —
— א געזאנג פון דוד'ן
וואס איז אנטלאפן פון זיין זינען . . .
— די לעצטע קינדער דיינע ווארטן אויף דיין שליח
זאג, ער איז שוין דא ?
אט דער וואס איז געווען מיט פאלק דיינעם
אין זייער לעצטער שעה —
— משיח ?
— — — — — — —
— ער איז שוין דא, דאס ווייס איך
נאר איז שוין דא דער מענש דער גרויסער
וואס זאל אים עפענען די טיר ?
— נעם ניט צו די לעצטע האפענונג ביי מיר
און זאג די לעצטע קינדער דיינע : יא ! ! !

ה

שטיי אויף פון קבר ירמי' און נעם מיט זיך נביאישן פאטאס !
דעם ווארט, וואס האסט געזאגט גייענדיק מיט ברידער דיין אין גלות ——
און שפרייז אוועק . . . א אומגליק ! ! ! ער איזא כהן און טאר ניט שפרייזן
אויף דער ערד, וואס איז פון עג ביז עק א ריזיקער בית-עלמין . . .

וויי צו אונזער ארעמקייט ! אז ג-ט האט קליינע מענשלעך נאר געלאזט,
וואס קענען שרייען נאר און וויינען, וואס קענען רייסן קריעה זיבן מאל . . .
און ווייסן ניט, אוו איז האפענונג באהאלטן — און קענען אונז ניט ווייזן
— בלינד פון טרערן— דעם וועג צו טרייסט, דער סטעזשקע צו בטחון . . .
וויי צו אונזער ארעמקייט ! פאעטן זינגען, פילאזאפן טראכטן, שרייבערס שרייבן
און קיין איינציק שורה קען פון דעם פאר אונזער טרייסט פארבלייבן — —

הערט אויף א וויל צו קלאגן ! זעט, ווי שונאים רייבן זיך די הענט
אין פארגעניגן :
— איר הערט ווי ס'יאמערט פאלק וואס האט די חוצפה אייביק וועלן לעבן ?
ער שרייט שוין זיבן יאר און האט נאך אלץ ניט אויפגעהערט צו שרייען —
און ער וועט נאך לאנגע יארן שרייען פון די קלעפ וואס ער ט'געקריגן,
זאל ער וויינען העכער, שרייענדיקער און מיר וועלן טאנצן
אין טאקט פון זיין געוויין,
זיינע טרערן זענען באלזאם, פאלק ישראל וויינט ?
לאמיר אויפהויבן די באקאלן !
פארן וואויל פון אלדאס שווארצע, פאר די וואס האבן, שלאגן
און וועלן שלאגן יידיש פאלק ! ! !

און איר וויינט נאך ? און איר וויינט נאך וויטער ? שוין גענוג ! ! !
ניטא שוין מער קיין ארט פאר טרערן, ס'איז שוין פול הער קרוג — —

זינגט אויף איר אַלע, מיט לאַנגע בערד, מיט זיידענע קאַפּאָטעס
און מיט גאַרטלען,
מיט לאַנגע פּיאות, חסידיש היטלען — דער גאַנצער וועלט צום שאַנד
זינגט אויף אַ פּרייליכס יידן, אויף וועמען וואַרט איר ?
און לאָמיר גיין אַ ריקוד, אויגן אינדערהויך און האַנט אין האַנט . . .

ער גייט

שאַלט אויף!
ס'איז פריי דער וועג צום באַרג אַרויף,
ווינט האָט אויסגעגלייכט די גריבער,
ס'האָט אים אָפּגעוואַשט דער רעגן,
רייטערס שיקט אויף אַלע וועגן —
אָנזאָגן די וואַנדערנדיקע ברידער;
— אַהער! ! !

פּראַלט אויף —
די טירן, פענצטער, טויערן פון הויף,
ס'וועט ענג ווערן אין שטוב פון צופיל זון —
און האַרץ וועט איבערגיין פון צופיל גליק,
ער איז אַדורך שוין דעם פּאַפּירענעם בריק!
זאָלן וויסן אַלע, אַלע פונדערפון —
איר הערט?
— ער גייט! ! !

אַ, ניין! דאָס זענען ניט קיין רייד;
און דאָס איז ניט צו טרייסטן אייך געזאָגט.
הערט נאָר אויף, אויף איין מינוט צו טרויערן,
וועט איר מיט אייערע אייגענע אויערן
הערן, ווי ינאָענט שוין עס יאָגן
זיינע טריט — — —
ער גייט! ! !

נאָך איין מינוט זאָל אויפוואַרטן דער טויט,
זאָל דער גוסס איין מינוט נאָך לעבן,

איין מינוט ! — וועט ער נאָך קענען זען,
ווי דאָס גרויסע, דאָס געגאַרטע ווערט געשען ;
און דאַן ווערט ער א רואיקער, געבן
זיין געביין — — — —

שאַלט אויף !
צו אַלעמען וואָס וואַרטן נאָר דערויף ;
און די וואָס האָבן שוין דעם האָפענונג פאַרלוירן :
עס וואַקסט די פרוכט פון טרערן פון פאַרזייטע,
איר הערט ? ער גייט, ער גייט, אָט גייט ער !
עס ווערט א נייער פאָלק געבוירן —
א פרייער !

IMPRIMERIE S. I. P. N.
14, Rue de Paradis, 14
PARIS-Xe